19 זיינע טרויבּן זענען (שוין) רייף. און דער מלאך האָט
געוואָרפן זיין שניידמעסער אויף דער ערד און האָט
געשניטן די וויינטרויבּן פון דעם וויינשטאָק פון דער
ערד און זיי געוואָרפן אין דעם גרויסן קעלטער פון
20 ג־טס צאָרן. און דער קעלטער איז געטרעטן געוואָרן
אויסערהאַלבּ דער שטאָט, און בּלוט איז אַרויס־
געפלאָסן פון דעם קעלטער, בּיז צו די ציימלעך פון
די פערד, אַ שטח פון טויזנט זעקס הונדערט אַקער
פעלד.

## קאַפּיטל פיפצן

1 און איך האָבּ געזען אַן אַנדער מופת אין הימל,
גרויס און וואונדערבּאַר: זיבּן מלאכים, וועלכע
האָבּן געהאַט די זיבּן לעצטע מכות, ווייל מיט די
דאָזיקע האָט זיך פאַרענדיקט ג־טס צאָרן.
2 און איך האָבּ געזען, ווי אַ קריסטאַלענעם ים
געמישט מיט פייער; און די, וואָס האָבּן גובר
געווען די חיה און איר בּילד און די צאָל פון
איר נאָמען; און זיי זענען געשטאַנען בּיים קריס־
3 טאַלענעם ים, האָבּנדיק האַרפּעס פון ג־ט. און
זיי זינגען דאָס ליד פון משה (רבּינו) ג־טס
קנעכט, און דאָס ליד פון דעם לעמעלע, אַזוי צו
זאָגן: גרויס און וואונדערבּאַר זענען דיינע מעשים,
האַר, ג־ט, אַלמעכטיקער; גערעכט און אמת זענען
4 דיינע דרכים, דו קעניג פון די פעלקער! ווער וועט
נישט מורא האָבּן פאַר דיר, אָ האַר, און נישט
אָפּגעבּן כּבוד צו דיין נאָמען? ווייל דו אַליין בּיסט
הייליק; יאָ, אַלע גוים וועלן קומען און זיך בּוקן
פאַר דיר; ווייל דיינע גערעכטע משפּטים זענען
אַנטפּלעקט געוואָרן.
5 און נאָך דעם האָבּ איך געזען, און עס האָט זיך